STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07323

FRILING IN POYLN

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינעם העלער

Ber Green

פרילינג אין פוילן

לידער

BINEM HELER

FRILING YN POJLN

POEZJE

Nakład 3.000, f. 61x86, B-1-94.079.
Druk. „Nowe Życie“ Warszawa, Tłomackie 5.

א פרילינג אין פוילן

א

װען איך בין צום װאַלד און צום װינטער
פון שטעט און פון מענטשן געלאָפן —
האָב איך צו דער סאָסנע צעגרינטער
פון איינעם אַ פרילינג געטראָפן.

פון איינעם אַ פרילינג אין פוילן
איז, דאַכט זיך, די סאָסנע געבליבן —
בלויז זי װעט אין פלאַם נישט פאַרקוילן,
פון װינטן נישט װערן פאַרטריבן.

אויך איצט רוישט דער װינט אין די צװייגן,
דער בוים גיט אין װאַיען זיך אונטער.
זיי שרייען אויס ביידע דאָס שװייגן,
װאָס פאַלט פון מיין לעבן אַרונטער.

איז אַלץ שוין געװאָרן פאַרשװיגן?
איז מער נישט פאַראַן װי דער װינט דער?
אוי, סאָסנע דערמאָן מיך דעם ניגון
פון פרילינג אינמיטן פון װינטער!

אויב נישט, טאָ צו װאָס איז דיין גרינען
להכעיס דעם טאָפּאָל דעם הוילן?
צו װאָס איז געװען דיין אַנטרינען
פון איינעם אַ פרילינג אין פוילן?

דו טרייסלסט זיך אָפּ פון די שנייען,
שטעכסט אויף מיט נאָדלען די ווייטן,
כדי זאָלסט זיי ווידער פארנייען
מיט בלוי פון פאַרגאַנגענע צייטן...

די צייט וועט ניִשט קאָנען באַהאַלטן,
דער ווינטער וועט גאָרנישט פאַרהוילן —
באַלד וועלן אַ פלי טאָן די שוואַלבן
פון איינעם אַ פּרילינג אין פוילן.

ב

אָ, זאָל מיך דיין שמייכל באַשיצן
פון שרייבן פאַרגעלטע זכרונות! —
דיין יוגנט אין העפטיקע בליצן
פון אַלע געזאַנגען די קרוין איז.

זי היט מיך פון שוואַכקייט און עלטער
און נעמט אויף זיך אַלע געפאַרן —
אָ, זאָל מיך דיין שמייכל צעהעלטער
צוריק צו דער יוגנט פאַרנאַרן!

כ׳בין ווידער איצט גרייט זיך צו זעצן
אין יענעם וואַגאָן דעם פאַרשטויבטן,
וואָס האָט איבער זוניקע נעצן
געפירט מיך אין לאַנד דעם באַגלויבטן.

אַוודאי געדענק איך די רייזע
אין בלי פון די פעלדער און סעדער:
דאָס פריילעכע זינגען פון אייזן,
דאָס רעדן פון רעלסן און רעדער.

איך וויים, אַז געציילטע בלויז שעהן
געדויערט האָט יענע נסיעה,
פאַר לענגער פון לעבן דעם גראָען —
האַלט אָן פון דיביימער דאָס בליען,

האלט אָן פֿון דיין שמייכל דער דויער,
וואָס היט מיך אצינד נאָך פֿון שרעקן,
און מער נאָך פֿון אלעם — פֿון טרויער,
וואָס וויל מיך פֿון לעבן פֿארמעקן.

ג

ס'האָט איצטער פאַרשמעקט מיט דיין ריח —
מיט הימל און זון אינעם קאָרן.
איניינעם מיט אים בלויז פאַרגיי איך
און — בלייב איבער אייביקע יאָרן.

מיין אָטעם איז איצטער געוואָנדן
צו דיר מיט אַ דורשטיקן שוויגן:
איך פיל אין דיין קאָפּ, אין דעם בלאָנדן —
דאָס פליסן פון האָניק אין צווייגן.

דו האָסט מיך באַגעגנט אָן ווערטער,
וואָס האָסטו געהאַט מיר צו זאָגן?
נאָר ס'האָט מיט אַ ליבשאַפט פאַרווערטער,
אונדזביידן אין אַנגסטן באַשלאָגן.

ד

מיר האָבן פון לאַנג זיך געקענט שוין,
נאָר שטענדיק ווען כ'האָב דיך געטראָפן
געווען איז אַרום צופיל מענטשן,
דער הימל — צו־בלוי און צו־אָפן.

אַ שטעטל מיט אויגן און שטיינער
געדענגט אויף אונדז האָט מיט צאָרן.
אין טומל — דו איינע, איך איינער —
מיר זיינען פאַרפאַלן געוואָרן.

נאָר איצטער פירסטו מיך פון שטעטל
צו זיך אינעם וואַלדיקן שטיבל.
צוויי שטולן, אַ טישל, אַ בעטל —
און איך בין דאָרט איבערגעבליבן.

ה

פון ערד מאַזאָוויעצקער די חנען
איז שווער צו באַשרייבן אין לידער:
די ליכטיקע בזשאָזעס וואָס וויינען
און קניען ביים טייך, אין דער נידער,

זיי וויסן אַ פאַרכטיקן ניגון,
וואָס גייט איבער אַלע געזאַנגען.
ער דינט אויף פאַרוויגן די וויגן,
ער דינט אויף פאַרכישופן שלאַנגען.

פון ערד מאַזאָוויעצקער די חנען
איז שווער אין די לידער באַזינגען.
אַ נס, כ'האָב געטראָפן דיך איינע —
דיין חן וועט זיי אַלע באַצווינגען.

די ליכטיקע בזשאָזעס, וואָס רוישן
און זינגען אין זון — פון געוויטער
וועל איך איצטער קאָנען פאַרטוישן
אויף דיר — אין דיין צאָפּל און ציטער.

איך ווייס נאָך אַליין נישט פונוואַנען
געקומען צו דיר איז דער פיבער —
וואָרט-צו, כ'וועל זיך פּרוון דערמאַנען:
געוואָלט האָסטו זאָגן מיר: ליבער!

— !געוואָלט האָב איך זאָגן: מיין שיינע
.דער ווינט האָט אונדז איבערגעשלאָגן
— די ליכטיקע בזשאָזעס, וואָס וויינען
.זיי האָבן געשטערט דאָס צו זאָגן

ו

און אפשר ווּעסטו מיר דערקלערן,
און אפשר ווּעסטו עס מיר זאָגן:
וואָס ווילן די בזשאָזעס, וואָס קלאָגן?

— גערעדט האָט דאָס מיידעלע צום וואַסערל אַזוי...

איך ווייס שוין, דו מיינסט, אַז מיט טרערן
עס ענדיקן זיך אַלע פריידן
און ס׳מוזן פאַרליבטע זיך שיידן?

— גערעדט האָט דאָס מיידעלע צום וואַסערל אַזוי...

דער וואַלד וואָס רוישט איבער אונדז ביידען
דערציילט וועגן פחדים געהיימע
און וועגן אַ ליבע אין אימה?

— גערעדט האָט דאָס מיידעלע צום וואַסערל אַזוי...

דו זאָגסט, אַז האָסט פיינט דעם גן־עדן,
ווייל דאָרט איז דער הימל צו־לויטער,
דער רויט פון דער רויז — אַ צו־רויטער?

— גערעדט האָט דאָס מיידעלע צום וואַסערל אַזוי...

אויף פוילישער ערד, דער פאַרגרויטער —
דו זאָגסט — אז אין זונען, אין שלאַקסן
דאָס גליק איז אין ווייטיק געוואַקסן?

— גערעדט האָט דאָס מיידעלע צום וואַסערל אַזוי...

דו זאָגסט, אַז אפילו דער טויטער
געליבטער שטייט אויף אין פאַרטאָגן
ביים ליד פון די בזשאָזעס, וואָס קלאָגן?

— גערעדט האָט דאָס מיידעלע צום וואַסערל אַזוי...

ז

געגוג, כ׳האָב דיין ליד שוין פאַרשטאַנען
און האָב נישט אויף מיר קיין פאַריבל,
וואָס כ׳ווייס, אַז פאַר אונדז איז פאַראַנען
אין וואַלד צווישן סאָסנעס — אַ שטיבל...

די גאָלדענע סאָסנעס זיי ווייסן
צו זינגען מיט אַנדערע שטימען
דאָס ליד פון דעם זון־ליכט דעם הייסן —
פון אייביקן פרילינג — דעם הימען.

זיי צוימען אונדז אָפּ פון געפאַרן,
פון הימלען און וויטן פאַרטריבטע:
פון טייכן, וואָס פרוון פאַרנאַרן
די מיידלעך אומגליקלעך־פאַרליבטע.

די פייגל, וואָס זינגען און לאַכן
כל־זמן ס׳איז די צייט פונעם בליען —
פון אַלע קלימאַטן און פלאַכן
אַהער בלויז זיי קומען צו פליען.

די נאַכטיגאַל וועט נישט פאַרבייטן
דעם וואַלד אויף דעם הימל דעם פרייען.
די קוקו האָט ליב מיט די ווייטן
פון דאַנען זיך איבערצושרייען.

דער פּיקהאָלץ שמעקט אוים אין דער קאָרע
דעם ריח פון ביטערע מאַנדלען —
אָט אונטער די הימלען די קלאָרע
איז לייכט אין אַ גאָט זיך פאַרוואַנדלען.

ח

געוועזן איז שוין שפּעטער נאָכמיטאָג
ווען דו האָסט אין וואַלד מיך באַהאַלטן.
די ערד האָט געענדיקט איר מי־טאָג
אין פרייד און אין ווייטיק־געוואַלטן.

די זון האָט איר פּנים געביטן —
פון גליק, צי פון ליכטיקן צאָרן? —
די שאָטנס, ווי אונטערגעשניטן,
זיי זענען אַלץ לענגער געוואָרן.

די לייטישע פייגל — צום שלאָפן
געגרייט האָבן זייערע נעסטן.
די שוואַלבן בלויז זענען געלאָפן
אין הימל צו לעצטע פאַרמעסטן.

דער וואַלד האָט געעפנט די קוואַלן
פון וואַנען עס טרינקען די שטאַמען.
און ס'זענען די ווינטן געפאַלן
באַרוישט פון די פּעכיקע סמען.

ס'איז גרויזאַם געוועזן יעדער צאַפּל
פון ליכט — אינעם שאָטן געפאַנגען.
די זון איז, אַ שטאַפּל נאָך שטאַפּל,
אין יענער זייט פרילינג פאַרגאַנגען. —

און איך האָב געקלעטערט, געקלעטערט
נאָך דיר איבער הילצערנע שטיגן:
די זון איז אין אָונט־שעה שפּעטער
אויפסניי אין מיין בלוט אויפגעשטיגן.

ט

מיר האָבן קיין ליכט נישט געצונדן
אין יענעם פאַרכישופטן צימער.
דאָס פענצטער דיינס האָט אונדז פאַרבונדן
מיט הימל און שטערן - געגלימער.

מען דאַרף נישט קיין ליכט אויף דערקענען
די ליבשאַפט, וואָס שיינט פון די אויגן.
די לויטערע אָרעמס, וואָס ברענען,
ווי פלאַמען צו פלאַמען געצויגן.

געבליבן מיר זענען איצט ביידע
אין ערפורכט און הייליקן ציטער:
איך רוף דיך אַרויס פון די קליידער,
דו רופסט מיך אַרויס פון געוויטער.

דער טונקעלער וואַלד האָט פאַרבאָרגן —
ס׳וועט גאָט אונדז נישט קאָנען געפינען —
און ביז צו דעם העלן פרימאָרגן,
וועל איך צו דיין נאַקעטקייט דינען.

אַ קרבן אין בלוט און אין טרערן —
מיין גוף. איך אַליין ברענג דאָס מעסער:
איך זע אין דיין פענצטער די שטערן,
וואָס ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער!

דו האָסט שוין געעפנט די אויגן
און איך בין אין חלום פֿאַרטראָגן,
ווי ס'וואָלטן נאָך דאָרטן געפֿלויגן
די שוואַלבן ביים אָנהייב פֿון טאָגן.

דו וואַכסט. און האָסט אַלצדינג געלעזן
ביי מיר אויפֿן פּנים: דעם שמייכל,
דעם שאָטן — דאָס אַלץ, וואָס געוועזן
און איז שוין פֿאַר מיר נישט צו גרייכן?

עס זינגען אין פֿענצטער די ביימער —
איך ווייס עס, נאָר איך הער דעם ניגון
פֿון וווּנדער און פּחדים געהיימע,
וואָס גייט פֿון געהוידעטע וויגן.

אין הימלען און אויגן די בלויע
זע איך נאָך דאָס אייגענע שוועבן
פֿון פֿויגל, וואָס פֿליט צווישן טרויער
און פֿרייד — אינעם כּישוף פֿון לעבן.

דו שווייגסט? דו ביסט אַלץ שוין דערגאַנגען?
אַפֿילו די טונקלסטע סודות
פֿון מיינע דערשטיקטע פֿאַרלאַנגען,
וואָס כ'האָב זיך אַליין נישט פֿאַרטרויט עס?

אומזיסט איז געווען מיין זיך שרעקן:
דאָס האָסטו דעם אָטעם פּאַרטייעט,
געהיט, אַז עס זאָל מיך נישט וועקן
דער דרויסן, וואָס האָט זיך צעפּייערט.

יא

דו האָסט מיר געגעבן אַן עמער,
געשיקט מיך נאָך וואַסער צום ברונען.
האָב איך פון דער טיף, פון דעם דעמער
דאָס ליכטיקסטע וואַסער גענומען.

דער עמער איז פול ביז די ברעגן,
דאָס וואַסער איז קיל און איז לויטער.
די ערד האָט דורך טונקלסטע וועגן
די שיינע מתּנה פאַרטרויט דיר.

זיי רואיק, איך וועל נישט פאַרגיסן —
זיי רואיק, איך וועל נישט פאַרלירן
אַפילו דעם ריח דעם זיסן
וואָס קאָן אויך אום ווינטער נישט פרירן.

איך טראָג דיר דעם זאַפט — אָט דעם וואונדער,
וואָס מילדערט ביי בלומען די פאַרבן
צו-בונטע — די גלוטיקע וואונדן,
און — היילט זיי, און לאָזט זיי נישט שטאַרבן. —

דו האָסט דיינע אָרעמס געטונקען
אין בלענדנדיק-לויטערן וואַסער,
וואָס האָט זיך צערוישט ווי מיט פונקען
און שפּעטער — געוואָרן נאָך בלאַסער...

יב

דו קוק נישט מיט שרעק אויף די ווייטן,
ווען איך פיר אין וואַלד דיך שפּאַצירן.
צי האָסטו דען מורא פאַר לייטן,
צי גאָר — אַז איך וועל דיך פאַרפירן?

האָסט יידישע חנען, מיין מיידל:
דיין בלוט האָט די פאַרב פון זיך שעמען,
דיין פּנים איז דורכזיכטיק, איידל,
דיין צניעות באַשיינט דיר די ברעמען.

דיין מאַמע איז זיכער אַ פרומע
און טרויט נישט דעם וואַלד און דער ליבע.
זי מיינט, אַז דורך וועגן בלויז קרומע
פיר איך דיך דעם פרילינג אַריבער.

נישט אמת? טאָ קוק זיך נישט אום מער
און זוך נישט דעם חשד צווישן ווינטן. —
צי דאַרפסטו דעם אָפענעם זומער,
דיין אומרו זאָל קאָנען פאַרשווינדן?

און ווי איך זאָל זיך נישט באַמיען,
אַז אַלץ אַרום זאָל בלײַבן בלוי, —
דו זינגסט אין פרילינג־אינדערפריען:

— צום וואַסערל אַזוי...

— פונוואַנען איז דאָס ליד געקומען?
פונוואַנען קומט דער טראָפּן טוי?
מיר גייען שטיל, אַרומגענומען.

— צום וואַסערל אַזוי...

— וועסט זען, איך וועל דיר מאַכן גלויבן,
איך וועל געווינען דײַן פאַרטרוי:
— מיר האָבן ליב זיך, ווי די טויבן.

— צום וואַסערל אַזוי...

— אין אַלע טרויעריקע לידער
מוז זײַן אַן אָפּגענאַרטע פרוי,
נאָר דו זײַ קלוג און גלייב מיר ווידער.

— צום וואַסערל אַזוי...

— הער אויף! דער ווינט פון דעם פרימאָרגן
גייט אויך שוין איבער אין געוואַי
און קלאָגט אין סאָסנע־וואַלד פאַרבאָרגן.

— צום וואַסערל אַזוי...

יד

די שטילע ווינטן ברענגען רעגן,
די זון אין זומער פירט אַריין,
און דו ווערסט אַלץ נישט מיד צו פרעגן:
צי דאַרף אַזוי מיט אונדז אויך זיין?

מיט פייכטקייט ווערט די לופט געלאָדן,
די זון ווערט מיד, די זון ווערט רויט.
צי וועט דער פרילינג אונדז נישט שאָדן,
צי וועט דער זומער געבן ברויט?

ס'וועט באַלד אַ דונער איבערברעכן
אין סאָסנע־וואַלד דעם שטאַרקסטן שטאַם.
צי איז דער פרילינג אַ פאַרברעכן,
און אונדזער ליבשאַפט בלויז אַ פלאַם?

דעם שטורעם גייען מיר אַנטקעגן,
דו פילסט שוין אָפּ אַ ווייטע שרעק.
און דו ווערסט אַלץ נישט מיד צו פרעגן:
צי גייט דער פרילינג שוין אַוועק? —

דער ערשטער בליץ האָט אויפגעשניטן
דעם זומער אויפן ווייטן ראַנד
און אין זיין ליכט האָט זיך געביטן
די גרינע פאַרב אין גאַנצן לאַנד.

און אויף דיין פּנים האָט אַ ציטער
פון פרילינג דיך אַרויסגעפירט,
ווי ס'וואָלט פון ערשטן בליץ אַ שפּליטער
דיין האַרץ מיט פייער אָנגערירט.

טו

די ביימער אין וויכער געבויגן,
די כמאַרע הייבט אָן שוין צו קראַכן.
דער רעגן פאַרפלייצט אונדז די אויגן —
מיר שטייען אין שטורעם און לאַכן.

עס ענטפערט אונדז אָפּ אין די רוימען
פון מעכטיקן דונער דער עכאָ.
דאָרט רייסט זיך די קראַפט פון די צוימען
און פרוווט אַלע וואָלקנס צעברעכן.

מיר שטייען אין שטורעם און לאַכן
עס נעמט אונדז דער ווינט אויף די פליגל.
באַלד וועט זיך דער פרילינג פאַרמאַכן
מיט פרייד און מיט פייער פאַרזיגלט.

דער בליץ פאַלט אין אונדזערע ציינער
און שיט אין אַ ליד זיך פאַנאַנדער.
עס הילכן די ווערטער ווי שטיינער
און ווערן אין וואַלד־רויש פאַרוואַנדלט.

דאָס ליד פון די הערצער און בליצן.
דאָס ליד פון די אייביקע זאַכן,
דאָס ליד וועט פון טויט אונדז באַשיצן —
מיר שטייען אין שטורעם און לאַכן.

אַ שנירל רויטס

אַ שנירל רויטס

מיין גאַנג צו דיר פון פריסטע יאָרן —
אַ שנירל רויטס אין מיין זכרון.

ס׳פלעגט אַלצדינג דאָרטן שנעל פאַרוויאַנען
און דיין געשטאַלט איז אויסגעשטאַנען.

דורך יענעם פענצטערל דעם קליינעם
דו זעסט מיין בליק דעם פורכטיק־ריינעם,

וואָס זוכט דיך אָפּ פון קינדער אַלע
און רופט דיך אין געדאַנק: מיין כלה.

איך האָב געמיינט האָסט בלויע אויגן,
נאָר שוואַרצע — האָבן זיך געצויגן;

איך האָב געמיינט האָסט בלאָנדע לאָקן,
נאָר שוואַרצע — האָבן זיך געשראָקן.

ווען ס׳האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיין יוגנט,
דו ביסט אַוועק מיט טויזנט צוגן.

איך האָב געזוכט און — האָב פאַרטוישט דיך
און באַלד נאָך יעדער פרייד — אַנטוישונג.

איך האָב געמיינט האָסט בלויע אויגן
נאָר שוואַרצע — האָבן זיך געצויגן;

איך האָב געמיינט האָסט בלאָנדע לאָקן
נאָר שוואַרצע — האָבן זיך געשראָקן.

און איצטער, ביי מיין רייפן עלטער
איך צווייפל אלץ, צי איך געפעל דיר..

אַזוי באַשערט האָט מיר מיין גורל!
מיין הארץ דאָס יונגע האָט אלץ מורא,

איך זאָל דיך ווידער נישט פארלירן
און בלייבן וועט נאָר רויטס אַ שנירל —

אַ שנירל רויטס אין מיין זכרון —
מיין גאנג צו דיר דורך אלע יאָרן.

אין מײַן רשות

זאָלסט װיסן זײַן: פֿון אָנהײב װעלט־באַשאַף
גײ איך צו דיר דורך אַלע װיסטע װעגן.
נאָר נײטיק איז געװען דער בלינדער טראַף —
אָן אים װאָלט איך דיך קײנמאָל נישט באַגעגנט.

נאָך ערגעץ װײט, אין גרינעם פּױלן־לאַנד,
געשװױרן האָבן אַלע בלױע בלומען,
אַז דו מוזט זײַן, אַז דו ביסט דאָך פֿאַראַן,
אַז איך װעל װען־עס־איז צו דיר נאָך קומען.

און איצטער זע איך: װילסט פֿאַרבײַגײן גרינג,
מיט דײַן געלעכטער דעם פֿאַרדאַכט צעיאָגן.
און אונדזער שמועס היטסטו קלוג און פֿלינק,
אַז כ'זאָל דאָס אײנע איבריק װאָרט נישט זאָגן...

צו װאָס רײַסטו אַרױס פֿון מיר דײַן האַנט
און קענען װעמען װילסטו זיך נאָך װערן?
װען פֿעלן װעט מײַן שאָטן אױף דײַן װאַנט —
ערשט דאַן װעסטו אינגאַנצן מיר געהערן!

דו בלײַבסט אױף אײביק שױן אין מײַן רשות,
דײַן פּנים ציט זיך איבער מיט באַדױער.
און פֿון דעם װײטיק, װי אַ װײטער גרױס —
אין דײַנע אױגן װאָלקנט שױן דער טרױער.

איין=און=איינציגע

ביסט איין־און־איינציק ביי דיין מאַמען
און ציטעריק — אַ טראָפּן טוי.
נאָר ווען דו בלייבסט מיט מיר צוזאַמען —
דו ווערסט ווי אַלע, ווערסט אַ פרוי.

און דו הייבסט אָן מיך אויסצופרעגן
און דו ווילסט אַלץ ביי מיר דערגיין.
אויף טונקלסטע פון מיינע וועגן
צי בלייב איך טאַקע ווען אַליין?

און יעדע קלייניקייט איז וויכטיק,
און ערנסט נעמסטו יעדן פלירט.
דו ווערסט אַפילו אייפערזיכטיק
צו דער, וואָס כ׳האָב קוים אָנגערירט.

נאָר איך מוז דיר אַ סך פאַרגעבן,
פאַרבאָרגן כ׳מוז פון דיר אַ סך.
דו ווייסט נאָך נישט, אז אויסצולעבן
אַ לעבן — איז אַ מענטש צו שוואַך.

ער וויל מיט עמיצן זיך שיצן
און לויפט פון זיך אַליין אַוועק,
ווען ס׳שלאָגן איבער אים די בליצן
און וואַרפן אָן אויף אים אַ שרעק.

דו קוק זיך גוט איין אין די צייכנס
פון מיין פּנים און פאַרשטיי:
פון אַלץ, וואָס כ'האָב געפּרוווט דערגרייכן —
פאַרשריבן איז דאָרט בלויז דער וויי.

אין דער זעלבער שטאָט

מיר וווינען ביידע אין דער זעלבער שטאָט,
נאָר דו גייסט מיט אַן אַנדער טראָטואַר.
און שרעקלעך איז צו טראַכטן, אַז דיר דראָט
אַן אַנדערע באַזונדערע געפֿאַר.

און יעדעס מאָל, ווען כ׳זע אַ פּרוי, וואָס פֿאַלט,
און שטענדיק, ווען אַן אומגליק איך דערשפּיר —
מיר ווילט זיך דעמלט מאַכן אַ געוואַלד,
ווי דאָס, חלילה, וואָלט געשען מיט דיר.

דערפֿאַר איז שווער מיר זיין מיט דיר צעשיידט
און לאָזן אין סכנה דיך אַליין;
דערפֿאַר איז גוט אַזוי מיר זאָלבעצווייט
מיט דיר אין אומבאַשטימטער ווייט צו גיין.

נאָר אויב דו מוזט באַזונדער גיין דיין וועג —
איך בעט דיך, רעכטס און לינקס דו קוק זיך אום.
זאָלסט איבערגיין די גאַס נאָר ווו מען מעג,
און אויב מען דאַרף — אַרומגיין רונד אַרום.

געדענק, אַז אויף דיין ליבער גאַס דער ברוק
געפּלאַסטערט איז מיט האַרטן קרומען שטיין.
בייטאָג צו שנעל דאָרט גיין איז אויך נישט קלוג,
ווער שמועסט נאָך — ביינאַכט דאָרט שנעל צו גיין.

גערענק און היט, ווי איך, דיין יעדן טראַט
און מייד אויס, מיר צוליב כאָטש, די געפאַר. —
אוי, שווער איז וווינען אין דער זעלבער שטאָט
און גיין גאָר מיט אַן אַנדער טראָטואַר...

מיט פאַרשיכורטע אויגן

און טאָמער האָב איך נאָך צו ווייניק געליטן —
האָב איך מיט דיין שמייכל זיך ווידער געמיטן.
געשען איז עס היינט ערשט, נאָר ווו? — שוין פאַרגעסן.
דער טומל פון שטאָט האָט דאָס גלייך אויפגעפרעסן.
אַ סטייע פון אויטאָס האָט איבערגעשניטן
די וועגן, ווען איך האָב מיט דיר זיך געמיטן.

און דאָך — ביסט אויף אייביק אריין אין מיין לעבן,
נאָך מער, ווי דו וואָלסט זיך מיר איבערגעגעבן,
נאָך מער, ווי איך וואָלט דיר דיין בושה צעריסן,
און כ׳וואָלט זיך גענומען דיין לייב אויף געניסן.
אַזוי ווי דו ביסט מיר פאַרביי און דערנעבן
געגאַנגען — האָסטו פון זיך אַלץ אָפּגעגעבן.

דיין בליק האָט מיר איבערגעוואַרעמט די אויגן
און אַלץ האָט מיט עפּעס זיך איבערגעצויגן.
מיט פאַרב, צי מיט ליכט? ניין, דאָס האָט נישט קיין נאָמען,
ווייל ווען דאָס אַזוי קאָן בלויז איינער מסתמא, —
אָט דער, וואָס האָט היינט פון דיין שמייכל געזויגן
און גייט איצט אַרום מיט פאַרשיכורטע אויגן.

דייו שמייכל

איך ווייס שוין, אז דיין יעדער שמייכל
וועט אלע שטרויכלונגען אריבער —
כל־זמן ער וועט מיך נישט דערגרייכן.

קאָן זיין, אז דו ווייסט נישט דערוועגן,
ווי ס׳רופן זיך די פייגל איבער,
ווי ס׳בלייבט דער ווינט שטיין אויף די וועגן;

קאָן זיין, אז דו ווייסט נישט אַפילו,
אַז דעמלט ווערט דער הימל בלויער,
און אז די טויען ווערן שטילער.

דער ווינט באַהאַלט זיך אינעם זומער;
ווי טרערן בלייבן שטיין די טויען
און בלייכע עפּענען זיך בלומען.

נאָר איך בין גאָרנישט איפּערזיכטיק,
וואָס אַלע שטעלן זיך אין מיטן
און ס׳ליכט אליין ווערט מערער ליכטיק.

איך ווייס דאָך, אז דיין יעדער שמייכל,
וואָס ווערט אויף ליכט און טוי פאַרביטן,
וועט סוף כל סוף צו מיר דערגרייכן.

דיין פּאָרטרעט

דערפאַר, ווייל איך האָב דיך אַזאַ זיך געריכט,
ווייל דו ביסט געקומען אויף כוואַליעס פון ליכט —
פאַרטראַכט האָב איך מאָלן דיין שיינעם פּאָרטרעט,
נאָך איידער ס׳קומט עמיצער אָן און דערזעט.

געבעטן האָב איך אינעם פענצטער דעם ווינט
ער זאָל דיינע האָר דיר צעשיטן געשווינד;
געבעטן האָב איך, אַז אין הימל די זון
זאָל שיינען אַזוי — זאָלסט נישט וויסן דערפון...

איך האָב פאַר דיין פּנים דעם אומעט פאַרקלערט,
האָט פּלוצים דיין שמייכל מיין איינפאַל צעשטערט;
איך האָב פאַר דיין הויט צוגעטראַכט שוין דעם ראָז,
האָט פּלוצים דיין בליק גאָר דערמאָנט מיך אין גראָז.

האָב איך אַלע פאַרבן פון זיך אָפּגערוקט
און מער נישט געטאָן, גאָר אויף דיר בלויז געקוקט.
דערנאָך, מיט אַ האַסטיקן קוש אויף דיין ליפּ
זיך אונטערגעשריבן: „די פרוי, וואָס איך ליב״...

פאַר איין נאַכט

פאַר איין נאַכט
איז דער לאַנדיש געוואָרן געל.
און נישט דערפאַר,
ווייל ס'האָט אים וואַסער געפעלט.
איך האָב דיך דערוואַרט,
און איך האָב געקוקט אויף דער שוועל,
און זיך גענאַרט,
אומזיסט זיך גענאַרט.
דער קאָפּ ביי אַ מענטשן ווערט גרוי —
ביים לאַנדיש געשעט דאָס אַזוי:
ער דאַרט,
ווערט געל
פאַר איין נאַכט —
ווען איך האָב געקוקט אויף דער שוועל,
און די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט.

אזאָ איז דער ווינט

פאַרפאַלן, אַזאַ איז דער ווינט:
אין גאַנג לייגט ער וועג אָן אומזיסט.
געבענטשט זאָל ער זיין, ער געפינט
אַלצאיינס דיך אָט דאָרט ווו דו ביסט.

און איך האָב אַ גלאַטן שאָסיי,
אַ ברייטן, געפלאַסטערטן וועג.
און איך בלאָנדזשע אַלץ ווו איך גיי,
און איך זוך דיך אַלץ און איך פרעג.

אַצינד בין איך בלויז מיט דער נאַכט,
מיט עפּעס אַן אָנהויב פון ליד,
מיט עפּעס וואָס דו האָסט געבראַכט
און האָט ווי אַ ריח, פאַרבליט.

ווען איך וואָלט אויך איצטער געקענט,
אַזוי ווי דער ווינט, מיטאַמאָל,
פאַרמיידן די הונדערטער ווענט,
און ברומען, ווי ער, אויפן קול, —

ווי ער, ביי דיין פענצטער געשטילט,
געבליבן וואָלט איך דאָרטן שטיין;
ווי ער, וואָלט איך דאַן זיך געשפּילט
מיט פאַרהענגלעך — צניעותדיק, ריין.

צוזאַמענגעשטויסן

איך קוק אויף דיין שמייכל און ווער ערשט געוווירער,
אַז ערגעץ באַגעגנט ער זיך מיט דעם טרויער.
אַז אויך אַזאַ וועג איז צום ווייטיק פאַראַנען —
דאָס האָב איך ביז היינט נישט פאַרשטאַנען.

נאָר איצטער אויף ליפּן — די ציטערדיק־בלאַסע
איך זע, ווי עס גייט אויף פון פרייד די גרימאַסע.
אַזוי רופן מענטשן דאָך אָן די העוויה
פון וועלכער עס ווייסט נישט קיין חיה.

פון פרייד די גרימאַסע... די פרייד ווערט אַלץ גרעסער,
און ס׳רייסט פון זיך אָפּ דיין נשמה די שלעסער.
דיין רשעות ווערט טיפער, דיין גוטסקייט ווערט עכטער —
און דאָס רופן מענטשן: געלעכטער...

נאָר איך בין פאַרנומען נישט בלויז מיט דעם הערן —
איך זע און דערזע אויף די וויעס די טרערן,
וואָס שיינען אַנטקעגן מיר לויטער און ליכטיק —
ניין, נישט בלויז דאָס הערן איז וויכטיק...

דיין פרייד האָט זיך איצט מיט דעם ווייטיק געטראָפן,
די טונקלסטע וועגן אין דיר — זענען אָפן.
און פיינטלעכע כוחות — צוזאַמענגעשטויסן —
זיי רייסן דורך זיי זיך אין דרויסן.

קאַפּריז

איינמאָל זאָגסטו: האָסט מיך ליב
הונדערט מאָל — אַז האָסט מיך פֿיינט.
איינמאָל זעסט: מיין פּנים שיינט
הונדערט מאָל — ווי כ'בײַס די ליפּ.

ווייל איך נעמען דיר ביים האַנט,
ציסטו איין די ברעמען בייז
און דו זאָגסט, אַז דיר איז הייס,
גיין געאַרעמט זאַלבענאַנד.

שפּאַן איך לעבן דיר שוין שטיל,
קוים דיין אַרבל איך באַריר.
טוליעסטו דו זיך צו צו מיר
און דו זאָגסט, אַז דיר איז קיל...

טייער מיידל, כ'מוז באַשטיין
שמייכלען גוט אויף דיין קאַפּריז.
האַלב פֿון ביטער, האַלב פֿון זיס
איז צונויפֿגעשטעלט דיין חן.

דו האָסט מיך שוין ליב?

ווען איך האָב געזען, אַז דיין בליק ווערט נאָך בלויער
און שטראַלט פון זיך אויס אױ די פרייד, אױ דעם טרויער —
געטראַכט האָב איך דעמלט, צי האָסטו מיך ליב?

ווען דו האָסט דערלאַנגט מיר דאָס גלאָז מיטן וואַסער
און איך האָב געזען: דיינע הענט ווערן בלאַסער —
געטראַכט האָב איך דעמלט, צי האָסטו מיך ליב?

נאָר ווען כ'האָב געפרעגט, האָט דיין אַקסל געציטערט,
דאָס גלאָז מיטן וואַסער — צעשפּריצט זיך אין שפּליטער
און איך האָב געוווּסט, אַז דו האָסט מיך שוין ליב.

* * *

ווי נאָר דיין טראָט אַריבער איז מיין שוועל,
האָט אַלץ אין צימער זיך געביטן שנעל.

ווי נאָר דו האָסט מיר אויסגעשטרעקט דיין האַנט,
האָט אויפגעשיינט אין שטוב די שוואַרצע וואַנט.

ווי נאָר דו האָסט אַדורכגעשוועבט דעם דיל,
איז יעדער קלאַנג אַנטלאָפן אין דער שטיל.

מיין גרינער שפיגל פון צעשפּאָלטן גלאָז,
איז פון דיין בילד געוואָרן גאַנץ און ראָז.

דו האָסט נאָך אַלץ קיין וואָרט נישט אויסגערעדט,
און צוגעזעצט זיך אויף מיין אָרעם בעט.

דו האָסט מיך אָפּגעזוכט, און ליפּ צו ליפּ,
און אַלץ נאָכנישט געזאָגט, אַז האָסט מיך ליב...

דו ביסט אוועק, פאַרלאָשן כ׳האָב דאָס ליכט,
און אין מיין שלאָף געשיינט האָט דיין געזיכט.

דו ביסט אַוועק, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט!״,
און דעמלט ערשט האָב איך מיט דיר פאַרבראַכט.

שולדיג

איך בין אליין אין אַלעם שולדיק:
כ׳בין געווען צו אומגעדולדיק
און איידער כ׳האָב געשענקט דיר בלומען,
האָב איך דיר שוין אַרומגענומען;
און איידער כ׳האָב געפירט דיך טאַנצן,
האָב איך דיך שוין געוואָלט אינגאַנצן.
עקשנותדיק, מיט ווייניק ווערטער,
האָב איך געפאָדערט דאָס פאַרווערטע
און דו האָסט זיך פאַר מיר דערשראָקן
אויף „ניין" געוואָרפן מיט די לאָקן,
די ברעמען בייז צונויפגעצויגן,
און אָפּגעווענדט פון מיר די אויגן.

צו שפּעט, נאָר כ׳ווייס שוין איצט די סיבה,
פאַרוואָס דו גלייבסט נישט אין מיין ליבע:
איך האָב צו ווייניק אויסגעדויערט
און אויף דיין שוואַכקייט — נישט געלויערט,
איך האָב פון אַלע שיינע קליידער
אין דמיון דיך באַפרייט כסדר.
איך האָב דיין צירונג נישט באַוווּנדערט.
פאַרקערט, איך האָב דיך אָפּגעזונדערט
און אויסגעשיילט פון אַלע שטאָפן
און סוף כל סוף — דיך נישט געטראָפן.
דו שטייסט   מיט קאַלטן ליכט פאַרגאָסן,
און אין דיין שוואַרצן קלייד פאַרשלאָסן.

פאַרביסן

דו שמייכלסט אַלץ להכעיסדיק, פאַרביסן,
באַקלאָגסט זיך קיינמאָל נישט אויף דיין געזונט.
נאָר קיינער, קיינער, קיינער טאָר נישט וויסן,
אַז טיף אין האַרץ, דו טראָגסט אַרום דיין ווונד.

דו שרעקסט זיך, אַז מען זאָל זיך נישט דערפרעגן,
אַז עמעץ זאָל, חלילה, נישט פאַרשטיין —
פאַראַן אַ וועג פון אַלע דיינע וועגן,
ווו דו מוזט בלייבן ביזן סוף אַליין.

אין דיין בליק

איך טרוים פון יענעם טאָג,
איך טרוים פון יענעם גליק.
אַז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג
זאָל נעסטן אין דיין בליק.

אַז היטן זאָל דיין אויג
נישט בלויז מיין יעדן גאַנג
נאָר אויך דעם פלינקן בויג
פון מינדעסטן געדאַנק.

פון אפּלען זאָל די שיין
מיר זיין ווי אַ באַגלייט
צו יעדער ווייטסטער פיין,
צו יעדער שטילסטער פרייד.

דערזע מיך אומעטום
און שטעל באַצייטנס אָפּ
דעם נישט־פאַרדינטן רום,
וואָס שיכורט איין דעם קאָפּ,

פאַרברענט אויף אַש די האָר
און פירט פון דיר אַוועק —
צו יענעם לעצטן יאָר,
צום סוף פון גרויסן וועג.

מיט יעדן באריר

וואָס טיילט מיך פֿאַנאַנדער מיט דיר?
נישט מער ווי אַ דינינקע הויט.
מיין מיידל, מיט יעדן באריר
דו נעמסט מיר אַוועק פֿונעם טויט.

פֿון אים בין איך פּונקט אַזוי ווייט,
פֿון טויט בין איך אויך אויף אַ שפּאַן.
און גראָד אין מיין אייגענער צייט —
איר ביידע זענט דאָרטן פֿאַראַן...

וואָס טיילט מיך מיט דיר און מיט אים?
נישט מער ווי די זעלביקע הויט.
טאָ לאָך מיט דיין ליכטיקער שטים
און אייפֿערן זאָל בלויז דער טויט...

מיט דיר

איך בין אינגאנצן און אליין מיט דיר,
און אויב עס וועט זיך עפענען די טיר
וזער וועט פון דרויסן איצט צו אונדז אריין
און בלינד נישט ווערן פון דער העלער שיין?
ב'האָב הונדערט מאָל שוין דורכגעקרייצט דעם וועג
צו דיר און איצט ערשט וויים איך, אז איך מעג
דיך רופן מיט דעם קורצסטן נאָמען „דו" —
מיין ליכט אינמיטן פון דער נאכט — מיין רו!
שפרייט אויס אויף מיר דעם גנאָד פון דיינע הענט
און איך וועל בלייבן שווייגנדיק, פארבלענדט.
דו ווילסט — וועל איך אוועק פאר דיר אין ים,
און אויב דו ווילסט — וועל איך אַדורך דעם פלאַם,
נאָר בעסער שיק מיך נישט אין קיין שום אָרט,
דערויף איז זיכער נישט פאראן קיין וואָרט.
סייווי גיי איך צו דער מינוט פון גליק
דורך יענעם וועג, וואָס פירט שוין נישט צוריק;
סייווי גיי איך אַצינד צו דער מינוט,
ווען ס'טוט אַ קלאַפּ די אייביקייט אין בלוט,
און ווערט פון דער פאַרגאנגענהייט פאַרמאַכט —
מיין רו, מיין ליכט אינמיטן פון דער נאכט.

אַ סך?

אַ סך איז דען נאָך דיר געבליבן?
אַ פּייכטער בליק, דאָס לעצטע וואָרט.
ווי גרויס איז איצט דאָס קליינע שטיבל!
און וויפל איז דאָ ליידיק אָרט!

כ׳האָב אויפגעהערט די שעהען ציילן
און היטן זיך נישט קומען שפּעט —
דו וועסט דעם אָונט־ברויט נישט טיילן,
ס׳וועט בלייבן צוגעדעקט דיין בעט.

די פרעמדע פרוי, וואָס קומט איצט רוימען,
ווישט יעדן טאָג פון דיל דעם שטויב.
איך קוק אין שרעק און בלייב נישתומם,
ווי זי וואָלט אלץ דיין שפּור גערויבט.

פון זינט איך הער דיך מער נישט לאכן,
באגעגן איך זיך מיט דיין בליק
אויף אַלע שותּפותדיקע זאכן —
די עדות פון אַ שטילן גליק.

און צווישן וואנט און וואַנט — מיין שאָטן
שפּאַנט אום צו דיר ביז האלבער נאכט.
ווייל ער בלויז איז אין מיר געראָטן,
ווייל ער האָט אויך מיט דיר פארבראכט.

* * *

און דאַנקבאַר בין איך אַט דער שטורמישער צייט,
וואָס האָט אַלע רעלסן אין פייער צעבויגן
און דיך, אויף אַ ווייל, פון אומענדלעכער ווייט
געבראַכט אין דעם ליכט פון דערשיטערטע אויגן.

מיין האַרץ, וואָס איז שטאַרקער געוועזן פון טויט,
איז בלויז ביי דיין אָנקום געוואָרן צעשפּליטערט;
פון אומקום געוועזן איז שטאַרקער מיין הויט
און בלויז אין דיין נאָענטקייט האָט זי געציטערט.

איצט גלייכן זיך אויס אַלע וועגן צוריק,
מיט נעפּל פאַרציען זיך ווידער די ווייטן.
און איך הויב דיך ווידער שוין אָן אין מיין בליק
מיט דעם, וואָס איז נישט צו דערגרייכן — פאַרבייטן.

אַוועק וועלן וואָכן, אַוועק וועט אַ יאָר,
און שפּעטער — נאָך שנעלער אַוועק וועלן יאָרן.
פון דיר וועלן בלויז דיינע גאָלדענע האָר
צערייסן דעם רויך אין מיין טריבן זכרון.

און דאַן וועט פאַרלירן די ערד איר געוויכט,
און דאַן וועלן ווידער פאַרשווינדן די ווייטן.
און דעמלט וועל איך אויף דיין שמייכלענדיק ליכט,
דאָס אַלץ, וואָס איז נישט צו דערגרייכן — פאַרבייטן.

מאָסקווע, 24 נאָוועמבער 1947.

גאָלד און זילבער

צי איז דען זילבער אַזוי ביליק?
איז טאַקע גאָלד דען אַזוי טייער? —
פאַרוואָס דערמאָנט דאָס גאָלד אין פרילינג
און זילבער איז די פאַרב פון טרויער?

איך האָב נישט אָפּגעשאַצט דיין יוגנט,
פאַרטאַכליעוועט אין קורצע יאָרן.
זי האָט מיך, איינע, נישט באַנוגנט
און כ׳האָב די איינע — אויך פאַרלאָרן.

דיין בלאָנדן קאָפּ כ׳האָב אָפּגעגעבן,
דיין בלאָנדער קאָפּ ווערט גרוי און גרויער —
פאַרוואָס דערמאָנט דאָס גאָלד אין לעבן
און זילבער איז די פאַרב פון טרויער?

נאָר כ׳נעם פאַרליב, וואָס כ׳קאָן נאָך גרייכן:
דאָס מילדע ליכט אין דיינע אויגן,
דער שיינער אופן פון דיין שמייכל,
די בלייכע הענט — צו מיר געצויגן.

און דיין פאַרטרוילעכקייט די שטילע,
און פון דיין הארץ — דאָס יונגע פייער —
צי איז דען זילבער אַזוי ביליק?
איז טאַקע גאָלד דען אַזוי טייער?

פאַרגיב

און אויב דו ביסט מיד ווי אַ פרוי —
ביי מיר ביסטו אַלץ נאָך אַ קינד.
און אויב דיינע האָר ווערן גרוי —
איז שולדיק דערין בלויז דער ווינט.

דאָס איז ער נישט אויסן בלויז דיך,
אַזוי טוט ער אויך מיט דעם גראָז.
ער גייט, ווי זיין טבע איז, גיך
און לאָזט נאָך זיך וויי און פאַרדראָס.

ער גריזשעט דאָס לעבן אָן ציין,
און זייגט ביי דער בלום אויס איר פאַרב.
אין זאַמדן צעמאָלט ער דעם שטיין,
דעם זומער פאַריאָגט ער אין האַרבסט.

נאָר וואָס זאָל איך, טייערע, טאָן —
אויף מיר איז נישט שולט די צייט.
דעם ווינט האָב איך ליב, ווי די פאָן,
דעם ווינט האָב איך ליב, ווי דאָס לייד.

אויך איך גיי פאַרביי, גיי פאַרביי,
אין שפיגל — דער שאָטן נאָך מיר
און עמיצער זאָגט: כ'בין נישט טריי,
און עמיצער זאָגט: איך פאַרפיר...

איז שולדיק דערין בלויז דער ווינט?
נאָר אויב איך בין שולדיק נאָך מער —
פֿאַרגיב! — דו ביסט אַלץ נאָך אַ קינד
און זען דיך אַ גרויע איז שווער.

שניי און שניי

וווהין איך קער און ווענד —
נאָר שניי און שניי און שניי.
און פון דיין טראָט פארבלענדט —
נאָך דיר איך גיי און גיי.

אליין אין ווייסן פעלד
דו ביסט אַ פינטל שווארץ
און אויף דער שטילער וועלט
קלאפט בלויז מיין איינציק הארץ.

ביסט אָנגעטאָן גאנץ פראָסט —
אין וווּליק און געוואַנט.
נאָר שוואכער ווערט דער פראָסט
און, דאכט זיך, מיין פארשטאנד...

איך ווייס נישט ווער דו ביסט,
איך זע נישט דיין געזיכט,
נאָר ס'שלאָגט נישט איצט אומזיסט
פון שניי אזא מין ליכט...

אַ פלויט, אַ הויז, די שטאָט
און באַלד וועט זיין דיין טיר.
נאָר ס'ווייסט דיין קלוגער טראָט,
אז עמעץ גייט נאָך דיר...

דו קערסט נישט אום דיין בליק —
אַ דאַנק דערפֿאַר, אַ דאַנק.
וואָס איז אַזױנס דען גליק?
אַ פֿרייד, וואָס לעבט נישט לאַנג.

נישט פאר מיר

אַ ווינטער־טאָג און ווייסע רו —
איך מאַך די מידע אויגן צו.
די אויגן בלייבן צוגעמאַכט,
נאָר ס׳שלאָגט דער שניי זיך דורך און לאַכט.

אַ ווינטער־טאָג, אַ שניי אָן ווינט.
אַ שליטל טראָגט אַוועק אַ קינד.
און ערגעץ בייזערט זיך אַ זעג —
אַ מיידל גייט מיר אָן אין וועג.

די באַקן — אויסגעפייערט, רויט,
דאָס הייסע בלוט קוקט דורך איר הויט.
פון היטל שפּאַרט אַ פּאַטליע האָר —
אויף איר און מיר אַ ליכטיק יאָר!

און אויף איר שטערן — איינס און צוויי —
ווי שטערנדלעך זיך קלעפּט דער שניי.
און אויף איר שטערן — דריי און פיר —
אַ ליכטיק יאָר אויף איר און מיר!

מיר קומען זיך אַנטקעגן נאָנט.
איך האָב זי טאַקע באַלד דערקאָנט.
נאָר זי בייגט־אָפּ דעם קאָפּ פאַרשעמט,
ווי כ׳וואָלט געווען איר ווייט און פרעמד.

און אָט — זי גייט פאַרביי מיך פלינק,
נאָר איך ווער שווער אין שניי און זינק.
טיין הארץ שפרינגט-אויף, ווי פון אַ שטאָך —
איך שטיי נאָך אלץ און קוק איר נאָך.

אָ, מיידל זאָג, פאַרוואָס צעגיין
אויף דיר דער שניי מעג אין געוויין,
נאָר איך בלויז קוק אויף דיר און פריר? —
אַ ליכטיק יאָר, נאָר נישט פאַר מיר...

זון און רעגן

דער זומער היי־יאָר

דער זומער היי־יאָר איז געבענטשט מיט רעגן,
דער גאָרטן ווערט אַלץ גרינער און געדיכטער.
פון דאָרטן גייסטו מיר אַרויס אַנטקעגן —
אַ שמייכלענדיקע און אַן אומגעריכטע.

געציילטע שעהן דויערט אונדזער קאַנטשאַפט,
נאָר דו טראַכסט צו פאַר מיר שוין נייע נעמען,
אוןביידע וויסן מיר, אַז אַט די לאַנדשאַפט
איז פון בראשית גרייט אונדז אויפצונעמען.

אַז וויפל מאָל דאָס גראָז געדאַרפט האָט גרינען
און וויפל מאָל — דער בוים זאָל זיך באַנייען —
בכדי איך זאָל דיך דאָ אַצינד געפינען.
און מיט אַ קוש — פון איינזאַמקייט באַפרייען.

איך פרעג נישט ווער עס איז געווען פריער,
און דו פרעגסט מיך נישט ווער עס וועט זיין שפּעטער.
איך ווייס, אַז בלומען דאַרפן אָפּצובליען
און דו — אַז ס'דאַרפן ווערן געל די בלעטער.

צי איז אונדז טאַקע נייטיק זיך דערוויסן
די אַלע קרומע גענג פון אונדזער לעבן?
איך האָב פון פרעמדקייט דיך אַרויסגעריסן
און וועל דער פרעמדקייט ווידער דיך אָפּגעבן.

דו לאכסט... און איך האָב מורא איבערפרעגן
איז איך האָב מורא זען דיך אויסגעניכטערט. —
פון ווילדן גרינס ביסטו ארויס אנטקעגן
אַ שמייכלענדיקע און אן אומגעריכטע.

רעגנבויגן

ס׳האָט איבער אונדז אַצינד דער רעגנבויגן
אָוועקגעשטעלט זיך, ווי אַ טריומף-טויער.
און דו האָסט מער צו מיר זיך אָנגעבויגן
און מיינע ליפּן שעפּטשען דיר אין אויער:

— דאָס גראָז איז פייכט און אויף די ליפּע-בלעטער
נאָך הענגען טראָפּנס, ווי די גרויסע טרערן.
פאַרצייטנס וואָלטן מיר געוואָרן געטער,
נאָר גליקלעך — קאָנען מיר אויך איצטער ווערן.

מען דאַרף בלויז, אַז דו זאָלסט זיך מיר פאַרטרויען,
נאָך איידער ס׳וועט דער רעגנבויגן שטאַרבן,
נאָך איידער ס׳וועט דער הימל נעמען בלויען
און זאַפּן צריק אין זיך די זיבן פאַרבן.

צום אָוונט איז שוין נישט קיין סך געבליבן
און אויך די נאַכט ווערט נענטער אַלץ און נענטער
כ׳וועל אויפגיין איבער דיר אין פאַרבן זיבן
און ברענען — ביז כ׳וועל בלייבן אַ פאַרברענטער...

דו זאָגסט, אַז דו פאַרשטייסט נישט וואָס איך פּלוידער,
דו לאַכסט און וואַרפסט אין פּנים מיר די לאָקן;
דו האָסט געוואַרט אויף דעם וואָס איך פאַרטרוי דיר
און פּלוצים — זיך פאַר מיינע רייד דערשראָקן.

אוי זיַ! דער רעגנבויגן איז פאַרשוווּנדן,
אַ האַלבער הימל שטייט אינגאַנצן בלוי שוין.
און מיט דער גאַנצער וועלט אונדז אונטערצינדן
עס וויל די זון און — ווערט אַליין פאַרלאָשן.

דערצייל נישט

דערצייל נישט, ליבע, קיינער דאַרף נישט וויסן,
אַז דיר איז שווער פֿון מיר אַ לייט צו מאַכן,
אַז איך בין שלעכט און אַז איך בין פֿאַרביסן
און אַז איך וויל זיך אַלץ נישט לערנען לאַכן.

דו זעסט, אַז וויפֿל כ׳זאָל זיך נישט באַמיען —
איז חוץ אַ שמייכל, קאָן מיר נישט געלינגען,
און אַלע ווינטן וואָיען פּונקט ווי פֿריער
און העלפֿן מיר די סומנע לידער זינגען.

און פֿון די ביימער ווייסט בלויז די בעריאָזע,
ווי כ׳בין אַליין — ווען כ׳בלייב מיט דיר צוזאַמען.
ווי מיין זכרון וויל מיך נישט פֿאַרלאָזן
און פּרוווט ביז שוואַרץ מיין יעדע פֿרייד פֿאַרסמען.

ווייל מער פֿון דיר האָב איך דאָך צו געדענקען,
און מער פֿון דיר — קומט מיר אַרויס פֿון לעבן,
און צען מאָל מוז איך אַלצדינג איבערקרענקען,
און צען מאָל שווערער איז מיר צו פֿאַרגעבן.

אין וועג בין איך אויף דיר איצט אָנגעטראָטן
און דו, אין שרעק, דעם קאָפּ האָסט איינגעצויגן.
דו ווילסט אַוועק פֿון מיר און פֿון דעם שאָטן,
וואָס האָט אויך איבער דיר זיך אָנגעבויגן.

דערציייל נישט, ליבע, קיינער דארף נישט וויסן,
אַז דיר איז שווער פון מיר אַ לייט צו מאכן.
מיר איז נאָך שווערער, ווייל איך בין פארביסן
און קאָן זיך אַלין נישט צוגעוויינען לאַכן.

דײַנע פֿרײַנט

דו הערסט נישט אויף צו רימען זײ כּסדר,
דו הערסט נישט אויף די גוטע פֿרײַנט צו לויבן.
נאָר ס׳וועלן מער נישט העלפֿן דײַנע רייד דיר —
כ׳האָב אויפֿגעהערט אינגאַנצן דיר צו גלויבן.

דו האָסט אַ טבֿע מיך צונויפֿצופֿירן
מיט מענטשן יונגע, פֿריילעכע, נאָר פֿרעמדע.
און זען, ווי לײַכט איך קען זיך נאָך פֿאַרלירן,
און זען מײַן אומבאַהאָלפֿענע פֿאַרשעמטקייט.

די יונגעלײַט — זײ קענען שיין דערציילן,
זײ ווייסן גוט דעם וועג צו דײַן געלעכטער.
נאָר איך וויל דיך נישט צווישן זײ צעטיילן
דערפֿאַר זאָגסטו מיר, אַז איך בין אַ שלעכטער.

נאָר אויב אַפֿילו כ׳בין אַ ביסל שולדיק,
איז אויבעט נישט די שולד אינגאַנצן מײַנע.
איך בין בלויז ווייניקער פֿון דיר געדולדיק
אויף אויסצושטיין אומזיסט די אַלע פּײַנען.

אָט בין איך אויף אַ טאָג בלויז נישט געוואָרן
און אַז אין אָוונט כ׳בין צוריקגעקומען —
האָסטו אַ בלענד געטאָן אויף מיר מיט צאָרן
און גרויזאַם מיר געמאָלדן: „כ׳בין פֿאַרנומען“.

עס מאַכט נישט אויס, איך וועל דיך נישט אָפּטרעטן,
כאָטש מיך ווילסטו נישט רימען און נישט לויבן;
עס מאַכט נישט אויס, איך וועל דיך איבערבעטן,
נאָר מער וועל איך דיר קיינמאָל שוין נישט גלויבן.

בעז

אַוודאי איז אַ גרויסער שאָד,
וואָס כ׳קאָן נישט האַלטן מער קיין סוד.
נאָר וויפל כ׳זאָג דיר אַלץ נישט אויס —
ווי פריער איז דיין נייגיר גרויס.

און נעכטן האָב איך זיך דערוווּסט:
פאַראַן אין גאָרטן בעז אַ קוסט.
ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט דערפון,
נאָר איך, מסתמא אויך די זון.

פון יעדן פרעמדן אויג פאַרשטעלט,
ווי ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט,
אין גרינס באַהאַלטן, אָפּגעהיט —
געשטאַנען איז ער און געבליט.

אַוודאי איז אַ גרויסער שאָד,
וואָס כ׳קאָן נישט האַלטן מער קיין סוד.
און איך האָב דיר דערציילט דעם נס:
פאַראַן אין אונדזער גאָרטן בעז.

פאַרלוירן האָסטו באַלד די רו,
געוואָלט איך זאָל דיר וויַיזן וווּ,
איך זאָל דיך פירן צו דעם אָרט
ווו ס׳בליט דער בעז. נאָר — מער קיין וואָרט.

אומזיסט האָסטו זיך אויפגערעגט,
אומזיסט ביי אַלעם אויסגעפרעגט.
ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט דערפֿון,
נאָר איך, מסתּמא איך די זון.

אין צימער ביסט אריין פֿאַרנאַכט,
אַרומגעקוקט זיך מיט פֿאַרדאַכט,
ווי ס׳זאָל דאָ עמעצער נאָך זיין
און דאָן — דערזען פֿון בעז די שיין.

ער איז געשטאַנען אין דיין גלאָז,
צו דיר געשמייכלט בלייך און ראָז.
און דו האָסט פּלוצים זיך פֿאַרקלערט,
צו עפּעס וואָס זיך צוגעהערט.

און ווען דו האָסט באַגעגנט מיך —
האָסטו געשעמט זיך פּונקט ווי איך:
מיר האָבןביידע שוין געוווּסט,
פֿאַר וועמען ס׳האָט געבליט דער קוסט.

די בלום און אַ נאָכטן

דו האָסט מיך געפירט אין אַ פּייכטן באַגינען
איך זאָל דיר די בלום און אַ נאָמען געפינען.

דו האָסט, אַ פאַרשעמטע, ביי מיר דאָס געבעטן:
— ביי־טאָג קאָן די בלום װער אומגערן צעטרעטן.

איך האָב דיך געפרעגט: ס׳האָט די בלום נישט קיין נאָמען,
צו עמעצן דאָך איז זי ענלעך מסתמא...

האָסטו מיר געשילדערט, האָסטו מיר געמשלט
און איך האָב אַלצאיינס נישט פאַרשטאַנען דיין לשון.

איך האָב דיר געזאָגט: דו דערציייל מיר גענויער,
װען װילסטו זי זען, צי אין פרייד, צי אין טרויער?

האָסטו מיר געזאָגט: זי דערמאָנט אין אַ שמייכל,
נאָר װעמענס — דו קענסט נישט דערגיין מיטן שכל.

איך האָב דיך געבעטן: דעם ריח מיר שילדער,
אַ שאַרפער איז ער, צי אַ שטילער, אַ מילדער.

האָסטו מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף זי פאַרלירן
די בלום און ערשט דעמלט דעם ריח דערשפירן.

דערווייל האָט אין פעלד זיך צערויִשט דער פרימאָרגן
און ס׳האָט זיך דיין בלום צווישן בלומען פאַרבאָרגן.

דערווייל האָט אַ טייך אינעם וועג אונדז פֿאַרהאַלטן
און ס׳האָט זיך דיין בלום צווישן בלומען באַהאַלטן.

מיר זענען געגאַנגען צוריק ערשט פֿאַרנאַכט־צו,
ווען ס׳האָבן די ווייטן מיט נעפּלען פֿאַרמאַכט זיך.

ווען זון איז ביים ראַנד פֿון איר שקיעה געשטאַנען
און דאַן — האָב איך פּלוצים און אַלצדינג פֿאַרשטאַנען:

אַז ווען ס׳וועלן אויפֿגיין פֿאַרגאַנגענע זונען —
דיין בלום אָן אַ נאָמען כ׳וועל דיר אָפּגעפֿינען.

אַ סוד

פון באַרג אַראָפּ האָב איך דיך מיטגעצויגן,
דערביי האָסטו צעראַצט דעם עלנבויגן
און מיך געדראָט: „כ׳וועל אַלעמען דערציילן,
אויב ס׳וועט די וווּנד ביז מאָרגן נישט פאַרהיילן“.

און נאָך דעם אָוונט איז געוואָרן מאָרגן,
און אײנעם קלייד האָסטו די וווּנד פאַרבאָרגן.
און כאָטש ס׳איז שאַרפער נאָך געוועזן דער ווייט־ק —
דערציילן האָסטו נישט געפונען נייטיק.

נאָר ווען די וווּנד האָט טרוקן זיך פאַרצויגן,
האָסטו געדראָט מיט שטיפערישע אויגן:
„איך וועל ביז בלוט דיך בייסן און דיך שלאָגן,
אויב דו וועסט וואַגן וועמען עפּעס זאָגן“!

שטאָרן

װען אַלע זענען זיך פֿון הױז צעפֿאָרן,
האָב איך געװאָלט פֿאַרהענגען שנעל די שטאָרן.

נאָר לאַכנדיק, ביסט מיר דעם װעג פֿאַרגאַנגען:
— די זון, מײַן ליבער, איז נאָכנישט פֿאַרגאַנגען.

דו האָסט דעם אָונטערגאַנג געגריטן — דעם אונטערבראָט
און בלױז פֿאַר צװײ: פֿאַר דיר, פֿאַר מיר — דעם צװײטן

דערבײַ האָסטו געדרײצט זיך: װאָסער אומעט!
מען הערט נישט קײנעם נאָר די פֿליג װאָס זשומעט.

און כ'האָב געװוּסט: דאָס פּרוּװסטו זיך פֿאַרײַדן,
אַז שװער געװען װאָלט אונדז בלױז זיך צו שײדן.

פֿאַרפֿאַלן, װי עס זאָל אונדז נישט פֿאַרדריסן,
מיר מוזן איצט פֿון זײַן־אַלײן געניסן.

מײַן פּײַן האָט טאַקע לאַנג שױן נישט געדױערט,
דעם ערשטן שטערן האָב איך אױסגעלױערט.

און דו ביסט מיד פֿון װערן־זיך געװאָרן
און שטיל דערלױבט פֿאַרהענגען כ'זאָל די שטאָרן.

און ווען...

און ווען איך בלייב אליין מיט דיר איז ווידער
מיר גוט צו שווייגן, ווייל איך בין אַ מידער

פון אָפּגענוצטע און פון אלטע ווערטער —
שוין לאנג געזאָגטע און פון לאנג געהערטע.

ווייל וויפל פעלקער, וויפל שיינע שפּראַכן —
די מענטשן ריידן אלין די זעלבע זאכן.

נאָר איין שפּראַך בלויז ווערט קיינמאָל נישט דערעסן —
דאָס איז די שפּראַך, וואָס מאכט אין רייד פארגעסן.

דיין האַנט וואַשט אָפּ מיין קערפּער דעם פארשוויצטן,
דיין האַנט שפּרעכט אָפּ מיין גוף פון אלעם שלעכטן.

און ווי אַ קינד ווער איך דיר ניי-געבוירן
און גלייב, אז כ'האָב דיך קיינמאָל נישט פאַרלוירן.

איך הייב אָן ווידער ריידן האלבע קלאנגען —
די שפּראַך, וואָס קאָן פון בלוט צו בלוט דערלאַנגען.

די שפּראַך פון הויכער פרייד און שטילן אומעט —
די שפּראַך פון אַלע גליקלעכע און שטומע.

אין טייך

און היינט גראַד האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו שווימען
און נאָך פון איין געפּאַר זיך אויסצולאַכן.
ביסטו אַוועק אין טייך און, ווי אַ סימן,
נאָך זיך געלאָזן אויפן ברעג די זאַכן.

דו האָסט פון זיך די כוואַליעס אָפּגעשטויסן,
מיט דיינע הענט דעם טייך אויף צוויי צעשניטן.
און מיט דעם פלאַמענדיקן קאָפּ אינדרויסן
אַדורכגעשווומען שמייכלענדיק אינמיטן.

און פּלוצים האָסטו טיף געטאָן אַ נישטער
און האַסטיק צו דעם דעק פון טייך געזונקען.
דער הימל איז געבליבן אַ צעמישטער
און אויף די ברעגן איז געוואָרן טונקל...

נאָר דו האָסט שנעל צוריק זיך אויפגעהויבן
און פון די האָר דאָס וואַסער אָפּגעשאָקלט.
און מיר איז שווער געווען שוין צו גלייבן,
אַז נאַרוואָס האָסטו מיך אויף טויט דערשראָקן.

און ווידער זענען כוואַליעס אָנגעקומען
און ווידער האָסטו זיי פון זיך געטריבן. —
כ'האָב אויך דיך וויפל מאָל אַרומגענומען
און בלויז דיין ריח איז נאָך דיר פאַרבליבן...

אין טאַנץ

ווי נאָר עס טוט אַ קלאַפּ דער העלער דזשאַז
און ערשטע פּאָרלעך שווימען אָפּ אין טאַנץ —
דו שווידערסט אויף, דיין הויט ווערט בלייך און בלאַס
און אין דיין בליק גייט אויף א פייער־גלאַנץ.

צום ריטם פון דער הילכיקער מוזיק
דיין ברוסט זיך כוואַליעט, פאַלט און הייבט זיך אויף.
און יעדע כוואַליע קערט זיך אום צוריק
און קרייזט צוזאמען מיט דיין בלוט אין גוף.

צי זיצסטו נאָך? ניין, ניין, דו ביסט אַוועק,
פאַרגעסן האָסטו מיך שוין אויף געווים!
אין דיינע אויגן ווער איך איצט פארמעקט
פון טאַנצנדיקע און פון פרעמדע פיס.

פאַרשווינדסט, פאַרשווינדסט — איך האַלט דעם אָטעם איין,
כ׳פאַרליר דיך און איך זוך דיך ווידער אָפּ.
דו גייסט צו מיר, איך זע די בלאָנדע שיין,
וואָס הילט אַרום דיין לייכטנדיקן קאָפּ.

נאָר ווידער גיסטו זיך אַ פלינקן נויג,
און ווידער נעמט דיך עמעץ ביי מיר צו,
און ווידער זוכט פאַרצווייפלט דיך מיין אויג
געפינט דיך און פאַרלירט אויפסניי דיך ווו.

און מיטאמאָל — דער טאַנץ ווערט אָפּגעהאַקט.
דו גייסט צו מיר מיט וואַקלדיקע טריט.
און מיט דעם שאַרפן שניט פון לעצטן טאַקט —
דו פאַלסט אין שטול און שמייכלסט גליקלעך־מיד.

נאָך אַ ליד

נאָך אַ ליד צו דיר געשריבן,
נאָר אַ האָר איז גרוי געבליבן.

נאָך אַ שעה דיר אָפּגעגעבן,
נאָך אַ טראָט צום סוף פון לעבן.

און פאַר דיר איז זעלבסטפאַרשטענדלעך,
אַז די ליבע איז אומענדלעך,

און אַז חוץ דעם שטילן ניגון
איז יעטווידער קלאַנג אַ ליגן.

אַלץ, וואָס קומט אין דיינע אויגן,
ווערט מיט רואיקייט פאַרצויגן.

און דער ווינט הייבט אָן זיך שטעלן,
און דער קוואַל הערט אויף צו קוועלן.

ניין, מיך וועסטו נישט באַשיצן
פון די דונערן און בליצן!

גלייב, מיר איז דיין ליבע טייער,
נאָר איך דין צום העליש פייער.

און די רו ווערט מיר דערווידער,
ווען זי פּאַסט נישט צו די לידער.

און די שטילקייט ווערט אַ ליגן
ווען נישט - שרייען הייסט געשוויגן...

נאָך אַ ליד צו דיר געשריבן
און איך בין נאָך אַלײן געבליבן?

אויב איך וועל פון דיר אַוועקגײן,
וועסטו זיכער זיך דערשרעקן,

וועסט מיך זוכן צווישן פרויען
און דו וועסט נישט קײנעם טרויען,

אַז איך בין אַוועק צום פײער ,
ווײַל דאָס לעבן איז מיר טײער.

אין גרינעם וואלד

אין גרינעם וואלד

איך בין אַמאָל געווען אין גרינעם וואַלד,
איך בין אַמאָל געווען בלויז דריי יאָר אַלט.

מיין קאָפּ — דו גלייבסט נישט? — איז געווען געלאָקט,
דער הימל האָט אַ גאַנצן טאָג געטאָגט.

מיט סאָסנע האָט געשמעקט די גאַנצע וועלט,
פון אַלע זייטן הימל האָט געהעלט.

געזונגען האָט — דו גלייבסט נישט? — יעדע פליג,
דער הימל איז געווען מיין בלויע וויג. — —

איך בין אַמאָל געווען אין גרינעם וואַלד,
איך בין אַמאָל געווען בלויז דריי יאָר אַלט.

און יעדער בוים האָט מיר די הענט געשטרעקט,
און יעדער מינדסטער שאָרך האָט מיך געוועקט.

איך האָב אַליין געזען — דו גלייבסט עס נישט? —
ווי הימל האָט מיט ערד זיך אויסגעמישט.

איך האָב אַליין געזען, ווי ס׳וואַקסט דאָס גראָז,
און ווי דער הימל ווערט פון ליבשאַפט רויז.

מיין שרעק — דו גליבסט נישט? — אין א שוואַרצער נאַכט
האָט אויך א הימל שטערן מיר געבראַכט.

און איינגעשטילט האָט מיך מיין מאַמעס האַנט. —
דער הימל האָט געליכטיקט אויפן לאַנד.

דאָס איז געווען אַמאָל אין גרינעם וואַלד,
דאָס איז געווען אַמאָל אין גרינעם וואַלד.

ארויס בין איך

אַרויס בין איך מיט קינדערישע טריט
דעם סוף פֿון אַלע סופֿן צו דערלאַנגען.
ווי שרעקלעך שנעל בין איך צום סאַמע מיט
פֿון אָט דעם לאַנגן, שווערן וועג דערגאַנגען.

באַדאַרפֿן האָב איך קומען פֿון דעם וועג
מיט וווּנדער מעשׂות פֿון די ווייטע לענדער.
און איך קום איצטער, ווי פֿון ווילד געיעג
און בין צום נישט דערקענען שוין געענדערט.

און ערגעץ שטייט אַ קינד מיט קליינע הענט,
אין בלאַנדע לאָקן און אין בלויזן העמדל,
און ווייל מיין פּנים איז פֿון צייט פֿאַרברענט
קוקט דאָס אויף מיר מיט שרעק, ווי אויף אַ פֿרעמדן...

אַ סך, אַ סך האָט אויסגעמעקט דער ווינט
אַ סך, אַ סך פֿון ליבשאַפֿט אויסגעשטראָכן. —
איך פֿיל זיך שולדיק בלויז פֿאַר יענעם קינד,
וואָס כ'האָב אַזוי פֿיל גוטס און שיינס פֿאַרשפּראָכן.

נישט אפצוטיילן

נו, וואָס זשע, אַז איך בין שוין ווייט אַוועק,
אַז מער פון האַלב האָב איך נאָך זיך געלאָזן?
אין מיינע אויגן שטייט נאָך אַלץ דער פלעק
פון יענע פרישע אייביק גרינע גראָזן.

אויף אַלע ווייטע שטחים פון דער וועלט
און — איך האָב אַלץ פון דאָרט זיך נישט פֿערוויטערט.
ווי פריער, הענגט דער טוי נאָך אויפן פעלד
און איבער אים — דער הימל אויסגעלייטערט.

מיין ערד פון ערשטן וואַקלדיקן טראָט —
ווי שיין מיין קינדהייט פּאַסט זיך צו איר לאַנדשאַפט!
און שפּעטער, ווען מיין שטילע יוגנט האָט
געשלאָסן מיט דער רויטער פאָן באַקאַנטשאַפט...

פון דאָרטן נעם איך אומעטום זי מיט
ווי מיט מיין בלוט — די פאַרב, נישט אָפּצוטיילן.
און ביידע פלאַטערן זיי אין מיין ליד,
וואָס פּרוווט אַ לעבן פאַר דער וועלט דערציילן.

אוועקגעפלויגן

איך גיב דיר אָפּ די רוימען און די פליגל
פֿאַר יענעם שטייגל — פֿאַר מיין גאָלדן וויגל,
ווו איך האָב זיך געראַנגלט מיט די הענטלעך,
און נישט געקאָנט אַריבער דאָרט די ווענטלעך.

באַפריי מיך פון די שטורעמדיקע ווינטן
און פיר צוריק צום שטיבעלע דאָרט הינטן,
וואָס איז געדעקט מיט מאָכיק - גרינע שינדלען,
וואָס איז אַרומגעצוימט מיט נאַסע ווינדלען.

ווי שטיינער — וואַרף אַראָפּ פון מיר די יאָרן,
און הייל מיט גוטער שכחה מיין זכרון,
און ווידער צייל מיין לעבן אין חדשים,
און לערן מיך אַן אומפאַרשטענדלעך לשון.

שוים - אָפּ פון קאָפּ דעם גרויענדיקן וואָלקן
מיט אים מעג זיין, די נישטיקע דערפאָלגן.
און לאָז דערפאַר צום מינדסטן מיך דערגרייכן:
די מאַמעס נישט - פאַרשווינדנדיקער שמייכל. —

אַוועקגעפלויגן אַלע שיינע פייגל
און איך זוך אַלץ דעם קיילעכדיקן בייגל,
וואָס איך האָב נאָך פאַרלוירן דאָרט אין געסל
און קאָן אין אים, עד היום, נישט פאַרגעסן.

א העלפט פון דער מעשה

מיין קינד, ס'איז אן אמת בלויז העלפט פון ד'ער מעשה:
נישטאָ גאָר קיין ווינטער, נאָר די וועלט איז א ווייסע,
און דו, מיט די לאפן פון פוטערנעם היטל,
פליסט איצט פונעם באַרג אין אַ גאָלדענעם שליטל.

ווער האָט דיר דערציילט, אז דער וואָלף וויל פאַרציקן?
ווער האָט דיר געזאָגט, אז דער בער וויל דערשטיקן?
דער וואָלף לעקט, ווי צוקער, דעם שניי פון דער קאָרע,
דער האָריקער בער כראָפעט פויל אין זיין נאָרע.

ס'איז קיינער אין וואלד נישט געוואָרן פארפרוירן,
אין שניי האָט א מאמע איר קינד נישט פארלוירן —
פון פראָסט פלאַצן דאָרטן אַצינד בלויז די שטאַמען,
אהיים איז געקומען דאָס קינד מיט דער מאמען.

דאָס העזל האָט דאָרטן פארלוירן א ניסל,
איצט זוכט ער און גראָבט עס פון שניי מיט אַ פיסל.
און טאָמער געשעט, אַז געפינען געפינט ער,
ווערט אוים פונעם שניי און אַ סוף איצט צו ווינטער...

נו, וואָס זשע, דו ביסט נישט אינגאנצן צופרידן? —
די אייגענע מעשה דערציילט מען פארשידן
נאָר איך, ווייל איך וויל פונעם ווינטער אַנטלויפן
דערצייל זי פאר דיר אויף מיין אייגענעם אופן.

זאָרג נישט

מיין קינד, דו דאַרפסט זיך װעגן מיר נישט זאָרגן —
דאָס האַרץ איז פון דער פּיין נאָך נישט דערװאָרגן.
מיין זינדיק לייב איז רייף צו אַלע פריידן,
כ׳בין אַלץ נאָך לייכט אויף ליבע, שװער — אויף שיידן.
מיין בליק איז אַלץ נאָך דאָרשטיק, יונג און אָפן,
אַזױפיל אָנהייבס װאַרטן נאָך אויף סופן.
נאָר איך בין גרייט אויפסניי אַלץ אָנצוהייבן —
איך קאָן נישט אָפּגעװיינען זיך פון גלייבן.

מיין קינד, דו דאַרפסט זיך װעגן מיר נישט שרעקן —
קיין אומגליק װעט מיין נייגיר נישט פאַרדעקן.
כ׳האָב ליב דעם װינט, כ׳האָב ליב די גרינע בלעטער,
נאָר כ׳פיל זיך גוט אַלצאיינס אין יעדן װעטער;
כ׳האָב ליב דעם שניי, כ׳האָב ליב דעם פראָסט דעם האַרבן,
און כ׳גלויב נאָך נישט, אַז איך זאָל קאָנען שטאַרבן.
אָן מיר קאָן אויף דער ערד נישט זיין קיין זומער,
אָן מיר זע איך נישט פאַר דער װעלט קיין תקומה.

מיין קינד, דו דאַרפסט זיך װעגן מיר נישט קלערן —
נישט איך דער ערד, נאָר זי — װעט מיר געהערן!
פאַראַן ביי מיר אין בלוט אַזאַ מין פייער,
װאָס העלפט מיר צו מיין יוגנט צו באַנייען.
און דיר אַליין װעל איך בסוד פאַרטרויען:
מיין קאָפּ, װאָס האָט אַמאָל געװען גרויען,
איז װידער שוין אינגאַנצן שװאַרץ געװאָרן,
און — קיינער קאָן נישט שאַצן מיינע יאָרן.

פרייד

נישט יעדן טאָג איז פרייד אזא באשערט,
ווען יעדער נערוו איז אָנגעשפּאַנט און הערט
און יעדער איינער טראָפּן בלוט איז וואַך;
ווען אין דער זעלבער גוט ־ באַקאַנטער שפּראַך.
וואָס דו קענסט אויסנווייניק שוין פון לאַנג —
אַנטפּלעקסטו פּלוצים גאָר אַ נייעם קלאַנג.
פון דיין זכרון ווערט פאַרווישט דאָס שלעכטס
און פון דיין שטים — דער סקריפּנדיקער קרעכץ,
און אין דעם מילדן שמעקנדיקן ווינט —
דו נאַפּסט אַ שמייכלדיקער, ווי אַ קינד.
דער מענטש וואָס גייט פאַרביי דיר דערמלט גראָד,
קער מיינען, אַז דו ביסט דער נאַר פון שטאָט.
ער שמייכלט אויך און שאָקלט מיטן קאָפּ
און דו ביסט העפלעך און דו ענטפערסט אָפּ,
און דיר איז גוט צו זיין פון שטאָט דער נאַר
ווייל אויפן אָרט באַקומסטו באַלד דיין שכר:
דיר ווייזט זיך אויס, אַז יעדער איינער שטיין
פון שטאָט האָט דיך אַמאָל געלערנט גיין;
אז אלע הונדערט טירן פון א הויז —
זיי פירן בלויז אריין און נישט ארויס.
אין פענצטער קוקן־אויס די בלומען טעפּ,
און אויף די שטאָקן ווארטן שטילע טרעפּ.
און יעדער נייער ניגון פון א ליד
לויפט־נאָך פאַרליבטערהייט נאָך דיינע טריט.
דו הייבסט זיך אָן צו וויגן אין דיין גאַנג
דו צאַפּלסט זיך אין נעץ פון דעם געזאַנג —
די ריטמישע געמאָסטנקייט פון פרייד —
און ס׳הייבן אָן צו זינגען דיינע רייד.

א י נה א ל ט:

	זייט
אַ פרילינג אין פּוילן	3—27
אַ שנירל רויטס:	
אַ שנירל רויטס	31
אין מיין רשות	33
איין־און־איינציק	34
אין דער זעלבער שטאָט	36
מיט פאַרשיכורטע אויגן	38
דיין שמייכל	39
דיין פּאָרטרעט	40
פאַר איין נאַכט	41
אַזאַ איז דער ווינט	42
צוזאַמענגעשטויסן	43
קאַפּריז	44
דו האָסט מיך שוין ליב	45
„ „	46
שולדיק	47
פאַרביסן	48
אין דיין בליק	49
מיט יעדן באַריר	50
מיט דיר	51
אַ סך?	52
„ „	53
גאָלד און זילבער	54
פאַרגיב	55
שניי און שניי	57
נישט פאַר מיר	59
זון און רעגן:	
דער זומער היי־יאָר	63

רעגנבויגן 65
דערציילן נישט 67
דיינע פריינט 69
בעז 71
די בלום און א נאמען 73
א סוד 75
שטארן 76
און ווען 77
אין טייך 78
אין טאנץ 79
נאך א ליד 81
אין גרינעם וואלד:
אין גרינעם וואלד 85
ארוים בין איך 87
נישט אפצוטיילן 88
אוועקגעפלויגן 89
א העלפט פון דער מעשה 90
זארג נישט 91
פרייד 92

ווערק פון מחבר:

„אין אומרו פון טעג", וואַרשע, 1932

„אויפן ווינט", וואַרשע, 1936

„לידער", מינסק, 1940

„די ערד האָט געציטערט", מאָסקווע 1947

„דער וועג אויף וואַרשע", מאָסקווע, 1948

„דורך שאָטן און שיין", לאָדזש, 1948

ביכער דערשינען אין פארלאג „יידיש בוך“

1) „מלכות געטאָ“ — נאָוועלן פון ישעיהו שפּיגל.
2) „דער מענטש וועט גוט זיין“ — משלים פון ל. אָליצקי.
3) „מיט אַש אויפן קאָפּ“ — לידער פון א. זאַק.
4) „אויף די חורבות“ — פּאָעמע פון חיים גראַדע.
5) „אַ בוים אין ווינט“ — דערציילונגען פון י. אַקרוטני.
6) „מלך שאול“ — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אַשענדאָרף.
7) „יידן אָן געלע לאַטעס“ — סקיצן פון ה. סמאָליאַר.
8) „דער אָפּגרונט רויזשט“ — לידער פון גוטע גוטערמאַן.
9) „אַ ייד צווישן פּויערים“ — פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט.
10) „דורך שאָטן און שיין“ — לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער.
11) „אַ פענצטער צו דער וועלט“ — לידער פון פסח בינעצקי.
12) „צו לויטערע ברעגן“ — לידער פון רייזל זשיכלינסקי.
13) „רואינען אין זון“ — לידער פון לייב מאָרגענטוי.
14) „אין אַ פוסטער שטאָט“ — דערציילונגען פון יצחק גוטערמאַן.
15) „דער וועג פון פּיין“ — דערציילונגען פון ד. האָפנונג.
16) „שרייבער און ביכער“ — קריטיק פון דוד ספאַרד.
17) „פלעמעלעך אין דער נאכט“ — לידער פון לייבל קופּערשמידט.
18) „משלים־בוך“ — פון ל. אָליצקי.
19) „יידישע שרייבער אין דער היים“ — עסייען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי.
20) „דער מענטש האָט געזיגט“ א כראָניק פון א. גאָזשאַנסקי.
21) „און געוואָרן איז טאָג“ — לידער פון י. שפּיגעל.

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג: ל. אָליצקי און דוד ספאַרד.

פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1950